קונטרס

# יפה ירושתינו

משנת אדונינו מורינו ורבינו צדיק הדורות
ננמ"ח מוהר"ן מברסלב זצוק"ל
מפי
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שכטער** שליט"א

**ספה"ק משיבת נפש**
אותיות ג' ד' וה'

**אידיש**
מועתק מלשונו הזהב

קונטרס ג'
חודש תמוז תשפ"ג לפ"ק

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: **yyryms1@gmail.com**

וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$

עבור הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודאה בקול דורשי יחודך נומער 9, או לשלוח אימעל בבקשה

©

כל הזכויות שמורות

נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר


תורה פאר יעדן איינעם ........................................ב
אראפגעברענגט תורה פאר די קומענדיגע דורות ................ד
פון די גרעסטע גאונים ביז די פראסטע בעלי-עגלות... ...........ו
'הַוַּדַּאי' שְׁמוֹ ................................................ ח
"איך האב ליב דעם פחות שבישראל - מער וויפיל דו האסט ליב
דיין בן יחיד!" ................................................'י
האב אמונה אין דיר זעלבסט! ..................................יג
דער משומד האט געראטעוועט ...................................טו
ארויף און אראפ ................................................כא
ארויסנעמען די דיאמאנטן .......................................כג
"לֵית רְעוּתָא טָבָא דְּיִתְאֲבִיד!" ...............................כו
יא, מען מיינט מיר אויך! .......................................כז

# מאמר ג'

## אותיות: ג' ד' ה'

### [אות ג']

**הַחֲבֵרִים הַמְקֹרָבִים לְצַדִּיקֵי אֱמֶת וְאוֹחֲזִים אֶת עַצְמָם בָּהֶם** - די חברים וואס זענען מקורב און האלטן זיך ביי די צדיקי אמת, **רָאוּי שֶׁיְּחַזְּקוּ זֶה אֶת זֶה וִיעוֹרְרוּ זֶה אֶת זֶה** - איז ראוי אז זיי זאלן שטארקן איינער דעם אנדערן און אויפוועקן איינער דעם אנדערן. **וְעִקַּר הַהִתְחַזְּקוּת הוּא בְּגֹדֶל כֹּחַ הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁהוּא גָּדוֹל כָּל כָּךְ** - און דער עיקר התחזקות איז, מיט דעם גרויסן כח פון דעם אמת'ן צדיק, וואס ער איז אזוי גרויס, **עַד שֶׁיָּכוֹל לְהַעֲלוֹת גַּם נַפְשׁוֹ הַפְּגוּמָה בְּיוֹתֵר וְלֹא יָצְאָה עֲדַיִן מֵחֹל אֶל הַקֹּדֶשׁ אֲפִלּוּ כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה** - אז ער קען אויך מעלה זיין זיין נפש וואס איז אזוי פגום און איז נאכנישט ארויס פון איר 'פראסטקייט' צו דער 'קדושה' אפילו מיט א האָר, **גַּם אוֹתוֹ יָכוֹל הַצַּדִּיק לְהַעֲלוֹת וּלְחַדְּשׁוֹ לְטוֹבָה בְּגֹדֶל כֹּחוֹ** - אויך אים קען דער צדיק מעלה זיין און אים באנייען מיט זיין גרויסן כח, **וְזֶה עִקַּר הַהִתְחַזְּקוּת שֶׁל כָּל אֶחָד** - און דאס איז דער עיקר התחזקות פון יעדן איינעם. **כִּי אֲפִלּוּ הַגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים** - ווייל אפילו דער ערגסטער פון די ערגסטע, **יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה** - זאל זיין ווער עס זאל זיין, **אֲפִלּוּ אִם עַכְשָׁו עוֹבֵר עָלָיו מַה שֶּׁעוֹבֵר** - אפילו אויב עס גייט יעצט אריבער אויף אים וואס עס גייט אריבער, **כָּל זְמַן שֶׁאוֹחֵז אֶת עַצְמוֹ בְּהַצַּדִּיק הָאֱמֶת יֵשׁ לוֹ תִּקְוָה טוֹבָה וְנִפְלָאָה לָנֶצַח** - ווילאנג ער האלט זיך אָן אין דעם אמת'ן צדיק, האט ער א גוטע וואונדערליכע האפענונג אויף אייביג.

**גַּם צְרִיכִין שֶׁכָּל אֶחָד יְחַזֵּק אֶת חֲבֵרוֹ וִיעוֹרְרוּ זֶה אֶת זֶה וִיחַזְּקוּ זֶה אֶת זֶה בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ** - אויך דארף מען אז יעדער איינער זאל

מחזק זיין זיין חבר און מעורר זיין איינער דעם אנדערן און מחזק זיין איינער דעם אנדערן אין עבודת השם, **וְיַזְכִּיר כָּל אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ כָּל הָעֵצוֹת טוֹבוֹת שֶׁיּוֹדְעִים וּמְבִינִים כָּל אֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁקִּבְּלוּ מֵרַבָּם** - און יעדער זאל דערמאנען זיין חבר די אלע גוטע עצות וואס יעדער איינער ווייסט און פארשטייט לויט וויפיל ער האט מקבל געווען פון זיין רבי'ן.

(מספה"ק ליקוטי מוהר"ן סי' י"ג אות ו')

### תורה פאר יעדן איינעם

**"הַחֲבֵרִים הַמְקֹרָבִים לְצַדִּיקֵי אֱמֶת וְאוֹחֲזִים אֶת עַצְמָם בָּהֶם, רָאוּי שֶׁיִּתְחַזְּקוּ זֶה אֶת זֶה וִיעוֹרְרוּ זֶה אֶת זֶה"**

- די חברים וואס זיי האלטן זיך ביי די צדיקי אמת, איז ראוי זיי זאלן מחזק זיין איינער דעם אנדערן.

**"וְעִקַּר הַהִתְחַזְּקוּת הוּא בְּגֹדֶל כֹּחַ הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁהוּא גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיָּכוֹל לְהַעֲלוֹת גַּם נַפְשׁוֹ הַפְּגוּמָה בְּיוֹתֵר וְלֹא יָצְאָה עֲדַיִן מֵחֹל אֶל הַקֹּדֶשׁ אֲפִלּוּ כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה"**

- אז אפילו אים קען דער צדיק מעלה זיין און אים מתקן זיין.

- דאס איז א המשך פון תורה י"ג אין ליקוטי מוהר"ן – עס איז א תורה נפלאה, דער רבי זאגט דארטן אזוי: למעלה איז דא א מרכבה וואו עס איז דא א 'כסא הכבוד', מיט א סוד פון 'אריה' 'שור' 'נשר' 'אדם', און א 'כסא', און א 'יושב על הכסא', און 'אופנים' פון דעם כסא. זאגט דער רבי, ווען דער צדיק איז ממשיך תורה, איז אויך דא אין דער תורה א 'כסא' מיט אַן 'אריה' מיט א 'שור' מיט א 'נשר' מיט אַן 'אדם' מיט א 'יושב על הכסא'.

טייטשט דארטן דער רבי: 'אריה שבתורה'; די תורה וואס דער צדיק איז ממשיך, דאס איז "עוז", אזוי ווי עס שטייט[א]: **"ה' עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן"**,

---

**א.** תהלים כט, יא.

אויף וואס דער תרגום זאגט: **"ה' אורייתא לעמיה יהב"** - די תורה רופט זיך 'עוז'; אז א מענטש לערנט, באקומט ער 'עוז', אַן עוז דקדושה – א פעסטונג דקדושה, דאס איז דער ענין פון 'אריה' (כמו שכתוב[ב]: **"וּמֶה עָז מֵאֲרִי"**).

'שור שבתורה', דאס איז א לשון שׂוֹר, דאס איז די 'שׂררה' וואס מען באקומט דורך דער תורה, די מלכות וואס מען באקומט דורך דער תורה, אזוי ווי עס שטייט[ג]: **"בִּי שָׂרִים יָשֹׂרוּ"**.

דער 'נשר' וואס מען באקומט דורך דער תורה, זאגט דער רבי, דאס איז די 'התחדשות' וואס איז דא אין דער תורה פון דעם צדיק - מען באקומט א התחדשות, און אזוי אויך איז דא די 'חידושים' אליין וואס מען זעהט אין דער תורה, וואס דאס איז דער 'נשר' פון דער תורה (כמו שכתוב[ד]: **"תִּתְחַדֵּשׁ כַּנֶּשֶׁר"**).

'אדם שבתורה' - זאגט דער רבי; די תורה איז דאך "עניים במקום זה ועשירים במקום אחר"[ה], מען איז מקשר איין פלאץ צום אנדערן, אזוי בויעט מען אויף דברים נפלאים (וזה בחינת 'אדם', כמו שכתוב[ו]: **"זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם"**). 'והיושב על הכסא', דאס איז דער אויבערשטער, אזוי ווי עס שטייט[ז]: **"וְעַתִּיק יוֹמִין יְתִב"**. און די 'אופנים' - דאס איז די 'גופי הלכות' פון דער תורה.

על כל פנים, די תורה איז 'כמין דוגמא של מעלה'; אזוי ווי למעלה איז דא א כסא מיט די אלע פרטים, אזוי איז אויך דא אין דער תורה הקדושה.

---

**ב.** שופטים יד, יח.

**ג.** משלי ח, טז.

**ד.** תהלים קג. ה.

**ה.** ירושלמי ראש השנה פ"ג, ה"ה.

**ו.** במדבר יט, יד.

**ז.** דניאל ז, ט.

ערשט (- אצינד), אז דער צדיק וויל ממשיך זיין תורה, דארף מען מאכן אַן אתערותא דלתתא, נעמט ער צוזאם די אלע נפשות פון יעדער איינער וואס קומט, און ער נעמט צוזאם זייערע גוטע רצונות מיט זייערע שלעכטע רצונות[ח] - זייערע צעבראכענע רצונות - אלעס וואס עס טוט זיך ביי זיי אין זייער נפש, און דער צדיק נעמט דאס און ער איז עס מעלה למעלה, און כפי די נפשות וואס ער איז מעלה למעלה - אזא תורה איז דער אויבערשטער אים ממשיך, און ער זאגט תורה בדיוק פאר אלע נפשות.

קומט אויס, אפילו עס קומען צום צדיק די 'גרועים שבגרועים', איז ער זיי מעלה, און ער נעמט אראפ פאר זיי תורה אויף וואס זיי דארפן בדיוק[ט].

### אראפגעברענגט תורה פאר די קומענדיגע דורות

יעדע זאך וואס איז ברוח הקודש איז דאך 'נאמר לשעה ולדורות'. איז דער טשעהרינער רב זאגט טאקע אויף דער תורה[י], **אז דער**

**ח.** עיין בפרפראות לחכמה שם על התורה אות ה'.

**ט.** עיין בספר יומם (תשע"ח) וז"ל מורינו שליט"א מנהמת לבו: ועצם פנימיותו של היהודי מלא בטוב, לרבות את הגרוע שבגרועים, וכבר ביאר זאת רבי נתן כמה וכמה פעמים דביכולת של כל אחד ואחד לגלות את פנימיותו הטהורה ולהביאה לידי מעשה – על ידי הלימוד בספרים הקדושים הללו, דיש בכל יהודי במהותו אוצר נפלא ביותר. ועל האדם לרשת לעצמו רכוש זה ע"י שילמד בספר ליקוטי מוהר"ן ובסיפורי מעשיות וישנן לעצמו את השיחות הקדושות, ע"ז יזכה ל'אוצר נחמד ושמן' כבפסוק הנ"ל, וגם מי שנחשב ל"כסיל" לפני לימודו, בכח הלימוד יזכה גם הוא לאוצר נחמד זה ויגלה את פנימיותו הטהורה ולהביאה לידי עשיה ואשרי לו!

**י.** בספרו פרפראות לחכמה על ליקוטי מוהר"ן סימן י"ג, אות י"ג, וז"ל: "עיין בליקוטי הלכות אבידה ומציאה הלכה ג' אות ה', שהצדיקים הגדולים שהם בחינת משה משיח הם ממשיכין חידושי תורה על ידי עליית הנפשות כנ"ל, ממקום עליון נורא ונשגב כזה ובשכל נפלא כזה, **עד שיש כח בחידושי תורה שלהם להשיב ולהחיות כל הנפשות שיעסקו בתורתם לנצח** כי בגודל כחם בעת שעסקו בתיקון זה להעלות

**רבי האט שוין געמאכט ביי זיינע תורות די תיקונים פאר אלע וואס וועלן זיין מקושר צום רבי'ן!** די אלע וואס וועלן שפירן דעם גרויסקייט פון צדיק און זיי וועלן לערנען דעם רבי'נס תורות, ווערט געטון ביי זיי אט די אלע תיקונים - אז זיי ווערן נתעלה, און זיי גייען אריין בבחינת 'עיבור', און עס ווערט נמשך ביי זיי תורה בדיוק אויף וואס זיי דארפן לפי שורש נשמתם.

דאס איז דאס לשון וואס דער רבי זאגט: אפילו א מענטש איז -

**"נַפְשׁוֹ הַפְּגוּמָה בְּיוֹתֵר וְלֹא יָצְאָה עֲדַיִן מֵחֹל אֶל הַקֹּדֶשׁ אֲפִלּוּ כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה, גַּם אוֹתוֹ יָכוֹל הַצַּדִּיק לְהַעֲלוֹת וּלְחַדְּשׁוֹ לְטוֹבָה בְּגֹדֶל כֹּחוֹ".**

- ער קען אים מעלה זיין און אים באנייען.

מיט דעם וואס דער צדיק איז מעלה די נשמות פאר השם יתברך, ער ווייזט פארן אויבערשטן - **'זעה וואספארא נפשות זענען געקומען**

---

הנפשות בשביל להמשיך תורה, העלו אז גם את כל הנפשות **העתידין לבוא** בבחינת 'ולא אתכם לבדכם וכו' כי את אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה', והמשיכו התורה בקדושה כזאת עד שכל מי שיעסוק בתורתם תאיר לו התורה הקדושה לצאת מחשכת אפילתו, בבחינת (תהלים קי"ט) 'נר לרגלי דבריך ואור לנתיבתי', כי על ידי עוסקו בהתורה חוזר ונתחדש נפשו בבחינת עיבור, מחמת שזאת התורה נמשכת מעליית והתחדשות הנפשות 'אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה' וכו' ועל כן אפילו לאחר הסתלקות הצדיק שאז הוא בחינת לילה, ונסתמו תרעין דגן עדן ונסתלק הדעת הקדוש הזה שהוא בחינת משה משיח, אף על פי כן יכול כל אחד להשיב את נפשו ולהחיות את עצמו בהתגלות התורה הקדושה, שהמשיכו אלינו הצדיקים הגדולים הנ"ל בחיים חיותם, שזה בחינת (משלי ל"א) 'טעמה כי טוב סחרה לא יכבה בלילה נרה', כי התגלות תורתם הוא ממקום עליון וגבוה מאוד מבחינת התגלות התורה שיתגלה לעתיד, בחינת אורייתא דעתיקא סתימאה וכו' כמבואר במאמר זה, רק העיקר להתגבר ברצונות חזקים לעבודת ה' ולהשתדל בתיקון נפשו כל מה שיוכל, כי נפש הוא בחינת רצון כמבואר במאמר זה הנ"ל, אז גדול כח הצדיק וחידושי תורתו כל כך, **עד שגם לאחר הסתלקותו יש לו כח לחדש את נפשו לטובה**".

**צו מיר - גיב מיר תורה פאר זיי!'** - מיט דעם איז ער זיי מעלה למעלה, און זיי ווערן באנייעט 'לטובה בגודל כוחו'[יא].

## פון די גרעסטע גאונים ביז די פראסטע בעלי-עגלות...

**וְזֶה עִקַּר הַהִתְחַזְּקוּת שֶׁל כָּל אֶחָד. כִּי אֲפִלּוּ הַגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה אֲפִלּוּ אִם עַכְשָׁו עוֹבֵר עָלָיו מַה שֶּׁעוֹבֵר כָּל זְמַן שֶׁאוֹחֵז אֶת עַצְמוֹ בְּהַצַּדִּיק הָאֱמֶת יֵשׁ לוֹ תִּקְוָה טוֹבָה וְנִפְלָאָה לָנֶצַח.**

איך זאג אלעמאל דעם כלל: וויאזוי וועט משיח מאכן שלום אויף דער וועלט[יב]? פון די אלע וויכוחים מיט די אלע זאכן קומט נישט ארויס קיין שלום; שלום קומט ארויס אז עס קומט א צדיק מיט א קלארע דעת פון השם יתברך, ער האט די ריכטיגע הארה, די ריכטיגע

---

**יא.** עיין בספר יומם (תשס"ד) וז"ל מורינו שליט"א: וכל דיבוריו ועצותיו של רבינו מועילים להמשיך את האדם אל השי"ת באופן נפלא ביותר, ודייקא בדורנו, שהוא כדור המבול ודור ההפלגה, דייקא בדור חלוש וירוד שכזה הרבה עלינו רבינו דיבורים מתוקים מדבש ונופת צופים, דבורי התחזקות, וגם את הליקוטי מוהר"ן והסיפורי מעשיות ועוד, הפלא ופלא ממש, ודבוריו של רבינו מיועדים לכל אחד ואחד מישראל לרבות הנפשות העייפות והחלושות ביותר, וכל זה נעשה מרוב האהבת ישראל שהיה לו, ודאגתו לכל אחד לבל יאבד, מרוב מעבריו ונסינותיו.
ונתן רבינו דרכים ועצות להתעלות בקדושה עוד ועוד, ואף לחלשים דיבר כאלו דיבורים של חיזוק שכל דיבור ודיבור בבחינת **"כפטיש יפוצץ סלע"**, דיבורים המתאימים לכל אחד ואחד, בכל מצב שהוא, עד שיאמר החלש גיבור אני, ויאזור כגיבור חלציו להתמודד ולעמוד מול יצרו ולנצחו, כי אכן דיבוריו של רבינו הק' מטרתם אחת היא, לקרב כל אחד מישראל להשי"ת, להחיות את עם ישראל ולהשיבם להשי"ת בשבעה משיבי טעם לעשות רצונו יתברך בלבב שלם.

**יב.** עיין ליקוטי הלכות הל' רבית ה"ה, אות כ"ג: **לתקן את העולם ולהמשיך כל העולם לעבודתו יתברך אי אפשר כי אם על ידי השלום**, כמו שמבואר בהתורה "רציצא" וכו'. ועל כן אליהו ומשיח שעיקר תיקון העולם יהיה על ידם, יעסקו רק לעשות שלום בעולם, כמו שאמרו רז"ל: 'אין אליהו בא לטמא ולטהר וכו', אלא לעשות שלום בעולם'. וכן משיח צדקנו נקרא: **'שר שלום'** וכו'.

דעת תורה, די ריכטיגע אהבת ה', די ריכטיגע יראת ה', עס איז אים קלאר די אמונה הקדושה בלי ספק, דעמאלט אז מען ווערט נכלל אין אים, ווערט אַן אחדות. 'דעת' קען מאַחד זיין אלע מיני סארטן דעות[יג].

וואו עס איז דא א צדיק, און עס קומען צוגיין צו אים אלע וואס האבן א שייכות מיט זיין נשמה, און זיי הערן זיין דעת און ווערן בטל צו זיין דעת, באקומען זיי אלע ממילא איין סארט דעת, ווערט אַן אחדות.

ווען משיח וועט מאכן אחדות, וועט ער עס מאכן בכח זה[יד].

ביי משיח שטייט[טו] אז ער וועט מקבל זיין א הארה פון 'כתר דאצילות' וואס קומט פון 'נוקבא דפרדשקא' וואס דאס איז 'עתיק' - דאס איז די העכסטע פלאץ אין אצילות. ער וועט באקומען אזא מין הארה, אזא מין חכמה, אז די גאנצע וועלט וועט בטל ווערן צו זיין דעת.

- אט דאס קען מאכן שלום, קיין אנדערע זאך קען נישט מאכן קיין שלום.

עס איז א דבר ידוע, ביים טיש פונעם בעל שם טוב זענען געזעצן גאונים אדירים - די גרעסטע גאונים אין דער וועלט - בנגלה ובנסתר. עס ווערט געבראכט, אז דער מגיד נאך איידער ער איז מקורב געווארן צום בעל שם איז נישט געווען קיין ספר פון נגלה

---

**יג.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ו, אות ו': "**לפי הגדלת הדעת, כן נתרבה השלום. כי שלום תלוי בדעת**, כמו שכתוב (ישעיה י"א): 'וגר זאב עם כבש וכו' כי מלאה הארץ דעה'. **שיהיה שלום נפלא בעולם, שיוכלו לגור ביחד שני הפכים, מחמת גדל הדעת שיהיה אז**".

**יד.** עיין ליקוטי הלכות הל' יו"ט ה"ה, אות ט': **גאולה האחרונה הוא בבחינת שבת שלום. שמשיח יכבוש העולם בלי מלחמה כלל, רק על ידי גודל הדעת שיגלה בעולם כמו שכתוב: 'לפניו יכרעו ציים ואויביו עפר ילחכו' וכו'**.

**טו.** זוהר תרומה קעז ע"א.

און פון נסתר וואס ער האט עס נישט געלערנט הונדערט און איין מאל! - ער איז געווען פון די גרעסטע גאונים אויף דער וועלט! - און עס זענען געזעצןביים טיש בעלי-עגלות, **און זיי האבן צוזאמען געבענקט צום אויבערשטן מיט אזא מין אחדות אז עס איז נישט געווען קיין שינוי ביניהם - מחמת זיי האבן געשפירט דאס גרויסקייט פון דעם אויבערשטן!**

אין דער רגע וואס דער צדיק מאכט אַן אחדות צווישן די חברים, ווערן אלע מאוחד צו דעם דעת; דאס ווערט נישט דורך קיין וויכוחים.

## 'הַוַּדַאי' שְׁמוֹ

עס איז פאראן א כלל, עס איז פון דעם בעל שם טוב[טז], אז מען זאל זאגן פארן שלאף: "**הַוַּדַאי שְׁמוֹ - כֵּן תְּהִלָּתוֹ**"[יז]. פארוואס? ווייל די סטרא אחרא אנטלויפט פון וודאות, ער טשעפעט זיך צו נאר ביי ספיקות[יח].

עס שטייט[יט]: "**וַיְבָרֶךְ דָּוִד אֶת ה'**". ו'יברך ד'וד א'ת ה' איז ראשי תיבות 'ודאי'[כ]; דעמאלט ווען אלע האבן געהערט דעם 'ויברך דוד

---

**טז.** עיין בבעש"ט על התורה במקור מים חיים פר' נח - עמוד התפלה, אות קס"ה: ובסיפורי צדיקים סיפור י"א הביא בשם ספר אחד שמצא כתוב בו **בשם הבעש"ט זצוקללה"ה לומר תמיד קודם השינה חרוז זה, הודאי שמו כן תהלתו, והוא מסוגל להבריח שדין ורוחות ולילין ממי שאמרו** עכ"ל.

**יז.** מתוך תפילת ראש השנה - וכל מאמינים.

**יח.** עיין תולדות יעקב יוסף ריש פרשת דברים דף קע"ה ע"ד וז"ל: **"שמעתי 'הודאי שמו' וכו' אבל הספק הוא חיצוניות וקליפות** עכ"ל".

**יט.** דברי הימים-א כט, י.

**כ.** ע' שער הכוונות - דרושי יום הכיפורים, בהקדמה: וכתוב בחוץ כתיבת מורי ז"ל ... **הודאי** [שמו כן תהלתו] הוא **שם המפורש** י"ה במילואו יו"ד ה"א אותיות הודאי. **ובאותו שם עלה משה למרום**. וכן **ודאי** הוא בגי' **אהי"ה**. עוד ירצה כי **ודא"י**

את ה'', איז געווארן אזא גילוי אלקות, וואס דאס רופט זיך 'ודאי'. די סטרא אחרא אנטלויפט פון וודאות - עס איז אויס ספיקות[כא].

דערפאר, אז מען קומט צום צדיק וואס ביי אים איז דא השראת השכינה, ווערט אזא קלארקייט אין דער אמונה, אזא וודאות, אז עס ווערן בטל אלע ספיקות, ממילא ווערט שלום און אלע ווערן מאוחד אין איין דעת אונטער אים.

זאגט דער רבי:

**"גַּם צְרִיכִין שֶׁכָּל אֶחָד יְחַזֵּק אֶת חֲבֵרוֹ וִיעוֹרְרוּ זֶה אֶת זֶה וִיחַזְּקוּ זֶה אֶת זֶה בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְיַזְכִּיר כָּל אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ כָּל הָעֵצוֹת טוֹבוֹת שֶׁיּוֹדְעִים וּמְבִינִים כָּל אֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁקִּבְּלוּ מֵרַבָּם".**

הוא שם קדוש היוצא בר"ת **ויברך דוד את ה'.**

**כא.** עיין עבודת ישראל על פרקי אבות פ"א, מט"ז: "וזה **'הודאי שמו כן תהלתו'**, רצה לומר שעיקר העבודה והתפלה תלוי בודאי שמו שיצייר תמיד בודאי שהשי"ת לנגד עיניו ורואה במעשיו, וכפי גודל האמנה בזאת כן תהלתו, וכמו שמצינו בדוד המלך ע"ה שאמר (דה"י א' כט, י) **ו'יברך ד'וד א'ת י'ה**, ר"ת **ודאי**. שבתחלה היה מצייר לפניו שבודאי מציאות הבורא יתברך הוא בלי שום ספק, **וכמו שמשה רבינו ע"ה עלה בשם זה לרקיע**, שהיה מצייר תמיד לפניו זאת ועלה במעלות עד רום רקיע, ועל כל פנים אם אין ביכולתינו לעשות כזאת, על כל פנים נצייר נגדנו מה שאמר דוד המלך ע"ה (תהלים טז, ח) שויתי ה' כו', ששם הוי"ה יהא תמיד מצוייר לנגדנו אמיתות הויתו שהוא הוה ומהוה כל הויות".

## [אות ד']

**צָרִיךְ לָדַעַת** - מען דארף וויסן, **שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִתְפָּאֵר אֲפִלּוּ עִם הַקַּל שֶׁבַּקַּלִּים שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל אֲפִלּוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל** - דער אויבערשטער בארימט זיך אפילו מיט דעם בילינגסטן איד - אפילו מיט די פושעי ישראל; **כָּל זְמַן שֶׁשֵּׁם יִשְׂרָאֵל נִקְרָא עָלָיו יֵשׁ בּוֹ הִתְפָּאֲרוּת פְּרָטִי שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִתְפָּאֵר עִמּוֹ** - ווילאנג דער נאמען 'ישראל' ווערט נאך פארופן אויף אים, איז דא אין אים א פערזענליכע התפארות מיט וואס דער אויבערשטער בארימט זיך מיט אים.

**עַל כֵּן** - דערפאר, **אָסוּר לְאָדָם לְיָאֵשׁ עַצְמוֹ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֲפִלּוּ אִם קִלְקֵל וּפָגַם הַרְבֵּה מְאֹד חַס וְשָׁלוֹם** - טאר זיך א מענטש נישט מייאש זיין פון דעם אויבערשטן אפילו אויב ער האט גאר אסאך קאליע געמאכט און פוגם געווען ח"ו, **כִּי עֲדַיִן לֹא פָּסַק חֲבִיבוּת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִמֶּנּוּ כַּנַּ"ל** - ווייל דאס ליבשאפט פון דעם אויבערשטן האט זיך נאך אלץ נישט אפגעהאקט פון אים, **וְעַל כֵּן עֲדַיִן יָכוֹל לָשׁוּב לַשֵּׁם** - וואס דעריבער קען ער זיך נאך אלץ צוריקקערן צום אויבערשטן.

**וְהָעִקָּר הוּא עַל יְדֵי אַנְשֵׁי אֱמֶת שֶׁהֵם יְכוֹלִים לִמְצֹא גַּם הַטּוֹב וְהַהִתְפָּאֲרוּת שֶׁיֵּשׁ אֲפִלּוּ בְּהַגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים וּלְהָשִׁיב הַכֹּל לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** - און איבערהויפט דורך די אנשי אמת וואס זיי קענען אויך טרעפן דאס גוטס און דאס התפארות וואס געפינט זיך אין דעם ערגסטן פון דעם ערגסטן און צוריקקערן אלעמען צום אויבערשטן. (בליקוטי מוהר"ן שם)

### "איך האב ליב דעם פחות שבישראל – מער וויפיל דו האסט ליב דיין בן יחיד!"

**"צָרִיךְ לָדַעַת, שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִתְפָּאֵר אֲפִלּוּ עִם הַקַּל שֶׁבַּקַּלִּים שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל".**

דער אויבערשטער האט ליב כלל ישראל!

דער אויבערשטער האט ליב יעדן אידן!

יעדן אידן!

עס ווערט געבראכט אויף דעם וואס די גמרא זאגט[כב]: **"כָּל אֶחָד וְאֶחָד חַיָּב לוֹמַר, בִּשְׁבִילִי נִבְרָא הָעוֹלָם"** - אז דאס איז ממש אזוי[כג]; יעדער איד איז חשוב ביים אויבערשטן אז עס איז ווערד אז די גאנצע וועלט זאל באשאפן ווערן פאר אים![כד]

ווען א מענטש ווייסט ווען ווי גרויס ער איז - אז עס איז ווערד אז די גאנצע וועלט זאל באשאפן ווערן צוליב אים אליין, און דער אויבערשטער איז זיך מתפאר מיט יעדן איינעם - - דער זוהר זאגט[כה]: **"ווען אידן ווייסן ווען ווי דער אויבערשטער האט זיי ליב, וואלט מען געברימט צום אויבערשטן אזוי ווי לייבן!"** - דאס איז נישט נאר בכלליות, דאס איז יעדער איינער! יעדער איינער!

**"אֲפִלּוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל, כָּל זְמַן שֶׁשֵּׁם יִשְׂרָאֵל נִקְרָא עֲלֵיו".**

דער בעל שם טוב האט געהאט א תלמיד - איינע פון די גרעסטע תלמידים זיינע, ער האט געהאט א זון, דאכט זיך אז דער זון האט געהייסן "נחמן", און ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם און א גרויסער צדיק, און ער איז געווען א בן יחיד ביי זיין טאטן, זיין

**כב.** סנהדרין לז ע"א.

**כג.** עיין באר מים חיים פר' שופטים: **וממילא על מצוה אחת מישראל הפחות שבפחותים עומדים כל העולמות ממש כי לא ישלומו בהעדר מצוה זו מן העולם. ועל כן באמת חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם כי בשבילו ממש נברא כל הבריאה כמו על הצדיק הגדול שבדור, כי אם הוא יחסר גם בו לא יהיה שלימות.** (רק שעל כל פנים הוא גדול הרבה ממנו שהוא באבר הראש והמוח והוא תלוי באצבע הקטנה של הרגל השמאלי רק שאם יחסר האצבע אין שלימות בראש).

**כד.** עיין ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז, אות י': **כי חייב כל אדם לומר בשבילי נברא העולם, ואפלו הפחות שבישראל נברא שיהיה לו חלק בהתגלות מלכותו יתברך לכל באי עולם.** עיין גם ליקוטי מוהר"ן סי' ה' בתחילתו, ובהקדמה לספה"ק ליקוטי תפילות.

**כה.** פר' בלק דף קצ"א ע"א.

טאטע האט אים זייער ליב געהאט, ער איז געוועהן ביי אים אזוי ווי די אויגן אין קאפ.

איז דער בעל שם אמאל צוגעגאנגען צו דעם תלמיד, און אים געגעבן א קלאפ אין פלייצע, און אים געזאגט: **"דו ווייסט? מערער פון וואס דו האסט ליב דיין בן יחיד, האב איך ליב דעם פחות שבישראל!"** [כו]

זאגט דער רבי, א יעדער איד -

**"כָּל זְמַן שֶׁשֵּׁם יִשְׂרָאֵל נִקְרָא עָלָיו יֵשׁ בּוֹ הִתְפָּאֲרוּת פְּרָטִי שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִתְפָּאֵר עִמּוֹ. עַל כֵּן אָסוּר לְאָדָם לְיָאֵשׁ עַצְמוֹ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ".**

דערפאר טאר זיך א מענטש נישט מייאש זיין פונעם אויבערשטן, ער זאל וויסן אז דער אויבערשטער האט אים ליב, און אז אלעס וואס גייט איבער אויף אים איז געוואלדיגע טובות, עס איז געוואלדיגע תיקונים, עס איז געוואלדיגע זיכוכים, דער אויבערשטער ווארפט אים נישט אוועק מיט קיין זאך. אדרבה, מיט דעם וואס ער דערהאלט זיך אין השם יתברך אין אלע מצבים, דרייט זיך דאס נאכדעם אויס אויף דברים נפלאים, אויף א געוואלדיגע התקרבות.

ביים אויבערשטן איז חשוב יעדער פעולה, יעדע מצוה, אוואו מען געפינט זיך, אויף וואספארא סארט אופן מען איז.

---

**כו.** עיין באוסף אמרים (מידות, תורת המידות שער שלישי) וז"ל מורינו שליט"א: הרה"ק הקומארנער זי"ע מתבטא (היכל הברכה פרשת בהר): מי יתן ויכולתי לאהוב את הצדיק הגדול שבישראל כשם שהקב"ה אוהב את הרשע הגדול שבישראל. ואצל קדוש ה' הבעש"ט זי"ע ראו ענין זה במוחש, כפי שמביא שם הקומארנער: הבעש"ט ראה פעם רב אחד שנשק לבנו יחידו [שהיה ת"ח גדול וירא אלקים], אמר לו הבעש"ט: האמן לי, אוהב אני את הפחות שבפחותים, וכל מה שתוכל לדמות מה שרק שייך פחיתות בישראל – יותר ממה שאתה אוהב את בנך יחידך, עכ"ל מורינו שליט"א. ועיין לקט אמרי פנינים אות י"ב: **וכך אמר מרן הריב"ש טוב לתלמידו הרב מקאלמייע אביו של הצדיק ר' נחמן ז"ל, את הקל שבקלים והפחות שבפחותים אשר הוא בדעתך, אני אוהב אותו, יותר מן מה שאתה אוהב את בנך יחידך**.

דער בעל שם זאגט[כז], עס איז דא אמאל א מענטש וואס ער שטייט נעבעך אין גאס פארנאכט פאריאגט אין זיינע מסחרים, און אינמיטן גיט ער א קוק צו עס איז שוין טונקל ווייל ער האט נאכנישט געדאווענט קיין מנחה, לויפט ער אריין אין עפעס א ווינקל, אין עפעס א קלייט, און ער שטעלט זיך אוועק און דאווענט מנחה - ווען מען ווייסט ווען ווי חשוב דאס איז, אז עס ציטערן פאר אים מלאכים ושרפים! - - **אזא חשיבות איז דא אין יעדן אידן, און אין יעדע עבודה פון יעדן אידן!**

## האב אמונה אין דיר זעלבסט!

דערפאר איז "**אָסוּר לְאָדָם לְיָאֵשׁ עַצְמוֹ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ**" -

**"אֲפִלּוּ אִם קִלְקֵל וּפָגַם הַרְבֵּה מְאֹד חַס וְשָׁלוֹם, כִּי עֲדַיִן לֹא פָּסַק חֲבִיבוּת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מִמֶּנּוּ כַּנַּ"ל".**

דער אמת איז טאקע אזוי; וואס מער מען גלויבט אין צדיק, מען גלויבט אין די דיבורים פון צדיק, מען גלויבט אין די גילויים פון צדיק וואס דער צדיק דערציילט וואס ער ווייסט פון די עולמות עליונים - ווי ווייט דער אויבערשטער האט ליב יעדן אידן, וואלט דער פחות שבישראל געקענט געוואלדיג נתעלה ווערן!

---

**כז.** עיין מגן אברהם פרשת בלק. ובשבחי בעש"ט, וז"ל: שמעתי מהרב דקהלתינו ששמע מהחסיד מ' זאב מאליק. פעם אחת שָׁבַת הבעש"ט בק"ק הנ"ל אצל בעה"ב, והבעה"ב היה פרנס חודש. ובשבת במנחה הלך הבעה"ב לבית הכנסת לשמוע הדרשה מדרשן אחד אורח. והמתין עליו הבעש"ט בסעודה שלישית שיבוא מבית הכנסת. ובתוך כך שמע שהדרשן מלשין על ישראל ורגז בעש"ט ואמר לגבאי שילך ויקרא לבעה"ב. וגילה הגבאי לכמה אנשים שרגז הבעש"ט על הדרשן. וראה הדרשן שהעולם נשמטים אחד אחד ופסק מלדרוש. וביום מחר בא הדרשן להבעש"ט ונתן לו שלום ושאל אותו מי הוא ואמר אני הדרשן מפני מה רגז עלי. קפץ הבעש"ט ממקומו ונתזה דמעות מעיניו ואמר אתה תדבר רע על בני ישראל. **דע שבר ישראל הולך כל יום על יומא דשוקא ולעת ערב שנוגה לו נתחרד ואמר אוי לי שאעבור זמן מנחה והלך בבית אחד ומתפלל מנחה ואין יודע מה שמדבר ואפילו הכי נזדעזעו שרפים ואופנים מזה.** ועי' מגן אברהם פרשת בלק.

מען דארף וויסן, דער רבי איז נישט סתם קיין מגיד; וואס דער רבי זאגט, האט דער רבי געקוקט אין שרשי התורה, אין שרשי הבריאה, דאס איז דער ריינער אמת, דאס איז תורה מסיני[כח].

דער רבי האט אמאל גערעדט פון אמונה, האט רבי נתן [געטראכט] - 'אוודאי האב איך אמונה'. האט דער רבי געזאגט רבי נתן'ען: **"דו האסט אבער אין דיר קיין אמונה נישט!"**[כט]

א מענטש דארף האבן אמונה אין זיך, אין יעדן אידן, אין יעדן 'פחות שבישראל', מען דארף גלויבן אין די 'אהבה' מיט וואס דער אויבערשטער איז מקושר צו יעדן אידן!

עס שטייט[ל] אז **די אהבה וואס דער אויבערשטער האט ליב יעדן אידן איז כמעט למעלה פון אלע שכליים!** מען איז עס אמאל מדמה צו די אהבה צו א קינד, אבער עס איז אזא מין סארט אהבה וואס

---

**כח.** עיין משיבת נפש חלק שני אות י"ח.

**כט.** עיין שיחות הר"ן אות ק"מ: כשאמר לי ענין הנדפס בליקוטי [מוהר"ן] תניינא סימן פ"ו על פסוק (שמות ו ט): 'מקוצר רוח ומעבודה קשה', שעל ידי קטנות אמונה צריכין לעובדות קשות וכו' עיין שם, עמדתי לפניו כמשתומם ומחשבותי היו תמהים בענין זה. כי נדמה לי שיש לי אמונה קצת. ענה ואמר בלשון גערה קצת כאומר: ואם יש לך אמונה, אין לך אמונה בעצמך! (**האסטי אין דיר קיין אמונה ניט!**) ... **והכלל המובן מדבריו שהאדם צריך שיהיה לו אמונה בעצמו שגם הוא חביב בעיני השם יתברך**. כי לפי גדולת טובתו של השם יתברך גם הוא גדול וחשוב בעיניו יתברך.

**ל.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ג, אות ה': כי יש שני מיני אהבות, אחת שהיא אהבה שבימים ... **ויש אהבה שהוא בכח, היינו האהבה שהיה בין ישראל לאביהם שבשמים קודם הבריאה, שהיו ישראל עדיין בדעתו ובמחו**. למשל, יש אהבה שהאב אוהב את בנו, שכל אדם יכול להשיג זאת האהבה. **והתקשרות והאהבה שיש בין הבן ובין האב כשעדיין הבן במח האב קודם ההולדה, זה ההתקשרות והאהבה אין אנו יכולין להשיג עכשיו**. כי אין משיגין עכשיו כי אם בזמן ובמדות, ואהבה שבדעתו ובמחו היא למעלה מהזמן והמדות, ואינו מלובש בשום לבוש. ולעתיד לבוא שיתגלה אורייתא דעתיקא סתימאה, ואז יתקיים מאמר חז"ל (תענית ל"א): עתידים צדיקים להראות באצבע, כמו שכתוב: "זה ה' קוינו לו". כי אז יפשוט הקדוש ברוך הוא

איז העכער פון אלע אלע (אהבות), עס איז א שרעקליכע אהבה, עס איז כמעט נישטא קיין ביטויים אויף דער אהבה.

אין "תנא דבי אליהו"[לא] שטייט אַן אינטערעסאנטע זאך: די וועלט איז רגיל צו זאגן אז די תורה איז 'עלה במחשבה תחילה', אבער אינ'אמת'ן, זאגט ער, די אידן זענען געווען 'עלה במחשבה תחילה' פאר דער תורה - די תורה איז באשאפן געווארן וועגן די אידן.

קומט אויס אזוי, די ערשטע זאך איז אידן, און דער תכלית הבריאה איז אידן. אבער עס איז נישט נאר בכלליות אידן, דאס איז יעדער איד באזונדער.

### דער משומד האט געדאַטעוועט

**"וְעַל כֵּן עֲדַיִן יָכוֹל לָשׁוּב לַשֵּׁם. וְהָעִקָּר הוּא עַל יְדֵי אַנְשֵׁי אֱמֶת שֶׁהֵם יְכוֹלִים לִמְצֹא גַּם הַטּוֹב וְהַהִתְפָּאֲרוּת שֶׁיֵּשׁ אֲפִלּוּ בְּהַגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים וּלְהָשִׁיב הַכֹּל לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ".**

דער אמת איז טאקע אזוי, זיי דארפן דאס מגלה זיין ביי דעם 'גרוע שבגרועים'. ווען עס ווערט נתגלה ביי אים דער נקודה פון דאס

---

את לבושיו, 'וימלא הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים'. ויתגלה האהבה שהיא בדעת, שהיא פנימיות התורה, היינו אלקותו השוכן בתוך התורה והמדות.

**לא.** תנא דבי אליהו רבה, פרק י"ד: ואמר לי, רבי (נ"י; שני דברים יש בלבבי ואני אוהבן אהבה גמורה), שני דברים יש בעולם ואני אוהבם בלבבי אהבה גמורה, ואלו הן, תורה וישראל, אבל איני יודע איזה מהם קודם. **אמרתי לו, בני, דרכן של בני אדם אומרים התורה קדמה**, שנאמר (משלי ח) 'ה' קנני ראשית דרכו' וגו', **אבל אני אומר ישראל קדמו**, שנאמר (ירמיה ב) 'קודש ישראל לה' ראשית תבואתה'. משל למלך שהיה לו אשה ובנים בתוך הבית וכתב את האגרת אל המקום שאשתו ובניו שם (אלמלא אשתו ובניו של מלך שעושין לו נחת רוח בתוך הבית וכתב את האגרת ולא חזרה האגרת ביד השליח) אלמלא אשתי ובני שלי שעושין לי נחת רוח בתוך הבית החרבתי את המקום. כך אלמלא הם ישראל לא נברא העולם ונחרב העולם. לכך נאמר קודש ישראל לה' ראשית תבואתה, ונאמר ה' קנני ראשית דרכו וגו'. עיין גם במדרש רבה פר' בראשית פר' א', פס' ד'.

חשיבות וואס ער האט פארן אויבערשטן, קען ער געוואלדיג מקורב ווערן צו השם יתברך!

עס איז דא א מעשה וואס איך האב געליינט ערגעץ, עס איז געווען איבערגעדרוקט פון א קהילה[לב]. אמאל פלעגט די קהילה, די חברה קדישא, פארשרייבן מעשיות, עס האט זיך גערופן 'פנקס הקהילה', דארטן איז געווען פארשריבן (זעלטענע) מעשיות וואס האט פאסירט אין שטאט איינמאל אין הונדערט יאר.

איז געווען א גאנצע מעשה, אין פוילן דאכט זיך, עס איז געווען א צייט וואס אין יעדער געגנט האט מושל געווען אַן אנדער שַׂר, וואס דער שר איז געווען אזוי ווי א קייסער אין דעם געגנט, און איינמאל א יאר זענען זיך צוזאמגעקומען אלע שרים ביים קייסער, און מען האט באנייעט חוקים, מען האט אראפגענומען חוקים - מען האט איבערגעפרישט די אלע חוקי המדינה, דערנאך איז יעדער איינער צוריקגעפארן אויף זיין פלאץ און מושל געווען אויף זיין פלאץ.

איינע פון די מושלים - פון די שרים, איז געווען א משומד וואס האט איבערגעלאזט זיין ווייב מיט קינדער און האט זיך גע'שמד'ט, און ער איז געווארן דער גרעסטער שר, און ער איז געווען א גרויסער צורר היהודים.

איז געווען איינמאל וואס עס זענען זיך צוזאמגעקומען אלע שרים ביים קייסער. האט זיך אנגערופן איינע פון די שרים, אז ביי זיין געגנט איז א גוי'אישע מיידל ארויסגעגאנגען שעפן וואסער פון א קוואל און זי איז נישט צוריקגעקומען - (איר ווייסט') וואס איז דאס? ווייל עס איז געווען פאר פסח, און אידן דארפן האבן גוי'אישע בלוט ביים סדר'...

איז געווארן דארטן א גרויסע שנאה - א גרויסע שנאת ישראל, עס איז געווארן שטארקער און שטארקער, און דאס האט דערוועקט

**לב.** ע' ספר זכרון טוב (נעשכיז) דף ד' אות ה', וקהל חסידים (החדש) אות קנ"ז.

אז יעדער איינער האט אנגעהויבן צו זאגן די עוולות פון די אידן. ביז מען איז צוגעקומען צו דער מסקנא צו מאכן א גרויסע הריגה רחמנא לצלן מיט איינמאל. עס האבן אויף דעם געדארפט חתמ'ען אלע שרים, און דער לעצטער האט געדארפט חתמ'נען דער משומד - דער גרעסטער שר, און דערנאך דער קייסער.

ווען מען איז געקומען צום משומד ער זאל חתמ'ענען, האט ער געזאגט: 'אזוי ווי אלע ווייסן אז בין איך דאך אמאל געווען א איד, ווייס איך קלאר אז עס איז נישטא ביי אידן אזא זאך - די זאך איז א שקר וואס מען האט אויסגעטראכט אויף אידן, עס איז אַן עלילת דם אז זיי דארפן האבן בלוט פון א גוי ביים סדר, עס איז שקר וכזב!'

אז דער קייסער האט דאס געהערט, האט ער געזאגט, אזוי וואלט ער אים נישט געגלויבט, אבער וויבאלד ער קען אים אז ער איז א גרויסער שונא פאר די אידן, און כל שכן אז ער איז אליין געווען אמאל א איד - גלויבט ער אים. ממילא האט דער קייסער נישט געוואלט חתמ'ענען, און אז דער קייסער האט נישט גע'חתמ'עט איז דער גזירה אראפגעגאנגען, און עס איז געווען א הצלה.

גלייך נאכדעם וואס דער שר האט געטון די זאך, האט זיך ערוועקט אין אים אזא מין אהבה צו השם יתברך און אזא מין אהבה צו ווערן צוריק א איד, אז עס האט געברענט אין אים אזוי ווי א פייער.

ער האט נישט געוואוסט וואס מען טוט, ווי קען מען גיין צוריק, ער האט דאך געטון אזא סארט זאך (- נשתמד). האט ער ביי זיך אפגעשטימט אז ווען מען וועט ענדיגן די אלע זיצונגען מיט אלע חוקים מיט אלצדינג, וועט ער נישט פארן אהיים, נאר ער וועט פארן צום אַפטער רב זי"ע, און ער וועט אים פרעגן אַן עצה. אזוי האט ער געטון, אז עס האט זיך געענדיגט די אלע אסיפות איז ער נישט געפארן אהיים, נאר ער איז געפארן צום אפטער רב.

ער איז אנגעקומען צום אפטער רב ארום האלבער נאכט - און ער קלאפט אָן. ווי נאר דער אפטער רב האט אים דערזעהן האט ער

שיעור געֿחלש'ט, ער האט געוואוסט אז ער איז א גרויסער שונא ישראל - 'ווער ווייסט וואספארא ביטערע גזירה ער גייט ערשט אפטון אויף אידן?' ער האט שטארק דערשראקן דעם אפטער רב ווען ער האט אים געזעהן.

האט דער אפטער רב אים געזאגט אז ער איז גאר שוואך און ער האט נישט קיין כח אים אויפצונעמען - ער זאל גיין צו אַן אנדערן רב. האט ער זיך אוועקגעזעצט אין שטוב און זיך נישט גערירט פון פלאץ - 'דער אפטער רב מוז הערן וואס ער רעדט'. אבער דער אפטער רב זאגט אז ער וועט בשום אופן שבעולם נישט הערן וואס ער רעדט - וואס ער וויל זאל ער גיין אויסשמועסן פאר אַן אנדערן רב - נישט דורך אים. ער האט זיך איינגעֿעקשנ'ט, ער איז געזעצן, ער גייט נישט אוועק פון שטוב ביז ער וועט אים אויסהערן.

דער אפטער רב האט געהאלטן א שטעקן, האט דער אפטער רב געזאגט: "אויב אויף דעם שטעקן וועט וואקסן גראז, וועל איך דיר אויסהערן, וועל איך מיט דיר רעדן!" ווי נאר דער אפטער רב האט ארויסגערעדט די ווערטער, איז ארויסגעוואקסן גראז פון דעם שטעקן...

אז דער אפטער רב האט דאס געזעהן, האט אים געכאפט א שרעק, ער האט געזעהן אז דא טוט זיך עפעס א הימל זאך - ער האט ארויסגעזאגט אזא ווארט און עס האט אנגעהויבן ארויסוואקסן גראז, האט ער אנגעהויבן צו הערן וואס ער רעדט.

האט ער אים פארציילט די גאנצע מעשה, און די תשובה וואס ברענט אין אים 'עד אין סוף' אז ער מוז צוריק ווערן א איד - ווי ווערט מען צוריק א איד? און נאך דערצו האט ער א ווייב מיט קינדער גוים, וואס טוט מען דא?

דער אפטער רב האט אים געגעבן א בריוו, און ער האט אים געשיקט צו א געוויסער רב וואס ער זאל זיין ביי אים, און ער האט אים געזאגט: 'דו זאלסט נישט אוועקגיין פון דעם רב - דו זאלסט איינשטיין ביי אים אין שטוב ביז איך וועל דיר מודיע זיין!'.

דער אפטער האט גענומען ביי אים דעם נאמען פון דאס גוי'אישע ווייב מיט די ממזרים אירע, און ער האט געמאכט תיקונים און מתפלל געווען.

אין צוויי וואכן ארום איז געקומען א הודאה צום אפטער רב אז עס איז געווארן א שריפה ביי אים אין שטוב – ביי די גויים, און עס זענען פארברענט געווארן די גוי'טע מיט אלע אירע קינדער די ממזרים, אלע זענען אויסגעמעקט געווארן.

דער אפטער רב האט אים געשיקט רופן און ער האט אים געזאגט אז ער קען צוריקגיין צו זיין אידישע ווייב און צוריק ווערן א איד בשלימות. און ער האט ווייטער ממשיך געווען צו זיין א שר ביים קיסר.

על-כל-פנים, פון דא זעט מען, אפילו דער 'גרוע שבגרועים', אז ער האט נאר געטון א מצוה, האט זיך ערוועקט אזא מין הארה ביי אים!

רבי נתן ברענגט אראפ[לג]: **"די קלענסטע נשמה פון א אידן, דער קלענסטער ניצוץ, אז עס זאל זיך צעפלאקערן צו השם יתברך, קען ער ביישטיין דער גאנצער וועלט מיט אלע תאוות!"**

---

**לג.** ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ד, אות א': **וזהו בחינת מה שאנו רואים כמה אנשים שהם רשעים גדולים כמה שנים ועוברים עבירות גדולות וחמורות רחמנא לצלן, ואחר כך נתעוררים בתשובה ונעשים בעלי תשובה גמורים, כמובא כמה מעשיות כאלה בגמרא ומדרשים ושארי ספרים. וכמעשה דרבי אליעזר בן דורדיא ונתן צוציתא וכיוצא באלה מעשיות הרבה מאד בכל דור ודור** ... הכלל שהאדם צריך להאמין מאד בכחו וידע באמונה שלמה שבודאי יש בכח שכלו ומחו לעמוד כנגד תאות ניאוף שהוא עיקרא דיצרא בישא, כי המח והשכל הוא הנשמה, כמו שכתוב: 'ונשמת שד"י תבינם'. כמו שכתב רז"ל במקום אחר **והנשמה של איש הישראלי אפילו של הפחות שבפחותים בודאי היא יכולה לעמוד כנגד כל העולם עם התאוות.**

## [אות ה']

**כְּשֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לַעֲלוֹת מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ יְרִידָה קֹדֶם הָעֲלִיָּה** - ווען א מענטש דארף ארויפגיין פון איין מדריגה צו דער קומענדיגער מדריגה, דארף אזוי זיין אז ער זאל האבן א ירידה איידער דער עליה, **כִּי הַיְרִידָה הִיא תַּכְלִית הָעֲלִיָּה** - ווייל די ירידה איז דער תכלית פון דער עליה. **וּמִזֶּה יָכוֹל כָּל אָדָם לְהָבִין כַּמָּה הוּא צָרִיךְ לְהִתְחַזֵּק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם וְלֹא יִפֹּל לְעוֹלָם בְּדַעְתּוֹ מִכָּל הַנְּפִילוֹת וְהַיְרִידוֹת שֶׁבָּעוֹלָם** - און פון דעם קען יעדער מענטש פארשטיין וויפיל ער דארף זיך שטארקן אין עבודת השם און קיינמאל נישט ווערן אראפגעפאלן אין געדאנק פון אלע נפילות און ירידות אין דער וועלט, **כִּי אִם יִתְאַמֵּץ וְיִתְחַזֵּק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עַל זֶה בְּשׁוּם אֹפֶן שֶׁבָּעוֹלָם אֲפִלּוּ אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה** - ווייל אויב ער וועט זיך באפעסטיגן און זיך שטארקן נישט צו קוקן אויף דעם אויף קיין שום פאל אין דער וועלט אפילו עס וועט נאר אריבערגיין אויף אים סיי וואס, **יִזְכֶּה לְבַסּוֹף שֶׁיִּתְהַפְּכוּ כָּל הַיְרִידוֹת לַעֲלִיּוֹת גְּדוֹלוֹת** - וועט ער צום סוף זוכה זיין אז די אלע ירידות וועלן פארוואנדלט ווערן אויף גרויסע עליות, **כִּי הַיְרִידָה הִיא תַּכְלִית הָעֲלִיָּה** - ווייל די ירידה איז דער תכלית פון דער עליה.

**וְיֵשׁ בָּזֶה הַרְבֵּה לְדַבֵּר** - און עס איז דא אסאך צו רעדן אין דעם, **כִּי כָּל אֶחָד שֶׁנָּפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל נִדְמֶה לוֹ שֶׁעָלָיו אֵינָם נֶאֱמָרִים דְּבָרִים הָאֵלֶּה** - ווייל יעדער איינער וואס איז נאר אראפגעפאלן צו דעם ארט צו וואו ער איז געפאלן, דאכט זיך אים אז אויף איז איז נישט געזאגט געווארן אט די אלע רייד, **כִּי נִדְמֶה לוֹ שֶׁעָלָיו אֵינָם נֶאֱמָרִים, רַק לִגְדוֹלִים בְּמַעֲלָה הָעוֹלִים בְּכָל פַּעַם מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא** - ווייל עס דאכט זיך אים אז אויף אים איז דאס נישט געזאגט געווארן, נאר פאר די גרויסע מענטשן וואס גייען אלץ ארויף פון איין מדריגה צו א העכערע מדריגה, **אֲבָל בֶּאֱמֶת תֵּדַע וְתַאֲמִין** - אבער אינ'אמת'ן זאלסטו וויסן און גלויבן, **כִּי כָּל דְּבָרִים אֵלּוּ נֶאֱמָרִים גַּם עַל הַקָּטָן שֶׁבַּקְּטַנִּים וְהַגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים** - אז די אלע

רייד זענען געזאגט געווארן אויך אויף דעם קלענסטן פון די קלענסטע און אויף דעם נידריגסטן פון די נידריגסטע, **כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ טוֹב לַכֹּל תָּמִיד** - ווייל דער אויבערשטער איז א גוטער צו אלעמען שטענדיג.
(מספה״ק ליקוטי מוהר״ן סי׳ כ״ב)

## ארויף און אראפ

### ״כְּשֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לַעֲלוֹת מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא״

- אז א מענטש דארף איבערגיין אויף א העכערע דרגא.

### ״צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ יְרִידָה קֹדֶם הָעֲלִיָּה״

- קומט אים א ירידה פריערט. דארף ער זיך שטארקן אין דער ירידה און בענקען און האפן אוןווארטן און מתפלל זיין און אכטונג געבן אז פון דער ירידה זאל נישט ווערן קיין נפילה. און אז ער דערהאלט זיך גוט אין דער ירידה, קומט ער נאכדעם צו א גרעסערע עליה.

### ״כִּי הַיְרִידָה הִיא תַּכְלִית הָעֲלִיָּה״.

דאס איז די גאנצע וועלט; אזוי ווי די גאנצע בריאה איז בערג מיט טאלן, טאג מיט נאכט, ליכטיג מיט פינסטער, קאלט און ווארעם, זומער מיט ווינטער - דאס איז אלץ אזעלכע סארטן ירידות מיט עליות.

רבי פנחס׳ל קאריצער זאגט[לד], אז אפילו די מאטריאלן; למשל, וואסער איז דא א זמן וואס דאס וואסער איז אין א ירידה, און עס איז דא א זמן וואס דאס איז אין אַן עליה. און אפילו דאס וואס א מענטש דארף שלאפן איז אויך אלץ אַן ענין פון א ירידה מיט אַן

**לד.** אמרי פנחס, שער א׳, תנ״ך - יחזקאל, וז״ל: **׳והחיות רצוא ושוב׳** (א, יד), הוא בכל דבר שבעולם במחשבות ובבריאות הגוף וכו׳, וכן באורחים רוצה שילכו ויבואו אחרים, **וכן הוא בדומם צומח חי מדבר, כי [המים] ישן קצת,** עכ״ל.

עליה[לה]. און דער בעל שם זאגט[לו], אפילו דאס וואס א מענטש אטעמט[לז].

קומט אויס, דאס איז דער וועג!

סיי רוחניות'דיגע וועגן, סיי גשמיות'דיגע וועגן - עס גייט אלץ ירידות מיט עליות!

די עצה וואס מען דארף וויסן איז, ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף אלע אופנים; סיי בשעת עס גייט - ס'דאווענט זיך, ס'לערנט זיך, און סיי בשעת עס גייט נישט - דארף מען אויך טון וואס מען קען, מען דארף בענקען און האפן, און לכל הפחות נישט טון קיין שלעכטס, דעמאלט דרייט זיך דאס אויס אז פון יעדע ירידה ווערט א באזונדערע עליה וואס מען קען נישט צוקומען צו דער עליה נאר דורכדעם וואס מען ווערט ממליך זיין דעם אויבערשטן אין דער ירידה.

**"וּמִזֶּה יָכוֹל כָּל אָדָם לְהָבִין כַּמָּה הוּא צָרִיךְ לְהִתְחַזֵּק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם וְלֹא יִפֹּל לְעוֹלָם בְּדַעְתּוֹ מִכָּל הַנְּפִילוֹת וְהַיְרִידוֹת שֶׁבָּעוֹלָם".**

---

**לה.** אמרי פנחס על תנ"ך - קהלת: 'הבל הבלים' (א, ב), רצה בזה כדי לעשות העולם בטל ממציאותו לקבל חיות חדש, ולכן ביטל הכל כי אי אפשר לקבל חיות חדשה רק אם יהיה בטל תחילה ממציאות בסוד פושט צורה ולובש צורה [כמו גרגיר חיטה הזרוע בארץ לא יצמח עד שיורקב ויתקלקל מקודם] ואעפ"י שהוא חי עדיין, ואיך ביטל המציאות? **התירוץ בזה בסוד 'רצוא ושוב' ברגע אחד, ואף גם בשינה שהוא התפשטות הגשמיות ועל ידי זה מקבל חיות [חדש]** גם כן בסוד 'חדשים לבקרים' וגו', עכ"ל.

**לו.** עיין 'דגל מחנה אפרים' ריש פרשת ויצא וז"ל: יש בכאן סוד גדלות וקטנות כידוע בשם אא"ז נ"ע זלה"ה כי **החַיּוֹת רצוא ושוב** ואי אפשר לעמוד על מדרגה אחת תמיד רק עולה ויורד, והירידה הוא צורך עלייה כשנותן על לב ויודע ומרגיש זה שהוא בקטנות ומתפלל אל ה', על דרך ובקשתם משם את ה' אלהיך ומצאת, וזהו משם, ממקום שהוא שם, כמו שאמר אדוני אבי זקיני זלה"ה, עכ"ל.

**לז.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ח: **מה שאדם חי, אינו כי אם מחמת שנושם נשימות. ומה היא נשימה? שמוציא ומכניס הרוח, וזהו בחינת** (יחזקאל א)**: 'החיות רצוא ושוב'.**

נישט אוועקגיין פון השם יתברך, נישט אוועקגיין פון הייליגע דיבורים, זיך האלטן אין אויבערשטן אייביג.

"כִּי אִם יִתְאַמֵּץ וְיִתְחַזֵּק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עַל זֶה בְּשׁוּם אֹפֶן שֶׁבָּעוֹלָם אֲפִלּוּ אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה, יִזְכֶּה לְבַסּוֹף שֶׁיִּתְהַפְּכוּ כָּל הַיְרִידוֹת לַעֲלִיּוֹת גְּדוֹלוֹת".

צום סוף וועט ער גאר זעהן אז אלץ וואס ער האט געטון בימי ירידה, וואס ער האט זיך דערהאלטן און ער איז נישט אראפגעפאלן נידריגער און ער האט זיך געהיט פון שלעכטס און ער האט ממליך געווען דעם אויבערשטן מיט וואס ער האט געקענט אפילו בשעת עס איז אים נישט געגאנגען, וועט ער זעהן ווי עס איז געווארן פון אלע ירידות, עליות גדולות, ווייל די ירידה דאס איז דער תכלית העליה.

## ארויסנעמען די דיאמאנטן

עס איז דא א ווארט[לח], דאכט זיך אז דער טשעהרינער רב ברענגט עס אויך אראפ אין זיינע ספרים[לט]. די גמרא זאגט[מ], א גר איז געקומען צו שמאי'ן און האט אים געזאגט: "**גַּיְּירֵנִי עַל מְנָת שֶׁתְּלַמְּדֵנִי כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּה כְּשֶׁאֲנִי עוֹמֵד עַל רֶגֶל אַחַת**"; ער האט ער אים געזאגט, 'איך וויל זיין אַן ערליכער איד, איך וויל זיין א איד, אבער איך וויל "על רגל אחת" - איך וויל עס זאל מיר גיין, איך וויל נישט קיין עליות מיט קיין ירידות, עס זאל מיר מתחילה גיין מיין לערנען מיט מיין דאווענען, עס זאל מיר גיין געשמירט, אויף דעם אופן וויל איך ווערן א איד'.

"**דְּחָפוֹ בְּאַמַּת הַבִּנְיָן שֶׁבְּיָדוֹ**". 'באמת הבנין', דאס הייסט, דער בנין העולמי איז נישט אזוי, דער בנין העולם איז עליות מיט ירידות.

---

**לח.** עיין מגיד דבריו ליעקב (להרה"ק המגיד ממעזריטש) אות מ"א.

**לט.** עיין בספרו ירח האיתנים סי' י"ב.

**מ.** שבת לא ע"א.

דער בעל שם טוב זאגט, אפילו וואס א מענטש אטעמט איז אויך מצד ירידה ועליה.

אפילו די שפע וואס דער אויבערשטער גיט אין די עולמות, גיט דער אויבערשטער שפע און ער שטעלט אפ, ער גיט ווייטער שפע און ער שטעלט אפ, דאס איז זייער א גרויסער סוד, וואס פון דעם נעמט זיך אלע ירידות מיט עליות, דאס איז א באזונדערע כוונה פון השם יתברך ביי דער זאך.

דערפאר, 'דחפו באמת הבנין שבידו'; אז דו ווילסט נישט, איז נישט, אבער דאס איז דער בנין העולם, עס איז מוז גיין ירידות מיט עליות.

ווען ער איז אבער געקומען צו הלל'ן, האט ער אים געזאגט: "**דַּעֲלָךְ סְנֵי לְחַבְרָךְ לָא תַּעֲבִיד**". ער האט אים געזאגט אזוי - ער האט אים מסביר געווען: 'ווי אזוי ביסטו נתעורר געווארן אז דו ווילסט תשובה טון? ווייל דו ביסט א הויכע נשמה וואס איז אריינגעפאלן ביי גויים, און דו ווילסט זיך מגייר זיין; און פארוואס ווילסטו זיך מגייר זיין? ווייל א איד האט געהאט א ירידה און ער האט דארטן ביי דער ירידה ממליך געווען דעם אויבערשטן וויפיל ער האט געקענט, האט ער דעמאלט ממליך געווען דעם אויבערשטן אויף דעם פלאץ דארטן וואו דו ביסט - אין דיין מצב - און בכח זה ביסטו נתעורר געווארן לתשובה און ער האט דיר ארויסגענומען.

ווייזט אויס, אז א מענטש האט א ירידה און ער איז ממליך דארטן דעם אויבערשטן, נעמט ער ארויס פארפאלענע חלקי הקדושה פון דארטן - אייגענע צו פרעמדע, און ער נעמט עס ארויס פון דער ירידה אין וואס ער געפינט זיך. און דערפאר דארף א מענטש האבן א ירידה, אזוי ווי איינער וואס גייט אריין אין תהום ארויסנעמען דיאמאנטן[מא], אזוי האט א מענטש א ירידה. און ער

---

**מא.** עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ד, אות מ"ו: שכל זמן שמשתדלין ומחפשין להתקרב לצדיקי אמת, **אזי אפילו אם חס ושלום, נופלים כמו שנופלים אינו נחשב**

דארף זיך דארטן שטארקן וויפיל ער קען, וואס דורכדעם מאכט ער תיקונים נפלאים.

ממילא, דאס זאגט ער, "דעלך סני לחברך לא תעביד"; יענער דארף האבן א ירידה וועגן דיר - און דו פאר יענעם דארף נישט האבן? אז דו ווילסט זיין אַן ערליכער איד, דארפסטו זיך אונטערנעמען - אזוי ווי עס שטייט: "**אֲחַזְתִּיו וְלֹא אַרְפֶּנּוּ**"[מב] - מען האלט זיך כסדר ביי השם יתברך!

אז מען קען נישט טון וואס מען דארף - טוט מען וואס מען קען!

בענק און האף!

אז מען קען נישט אלעמאל שווערע לימודים - דארף מען גרינגע לימודים, מען זאגט תהלים - ביז דער אויבערשטער העלפט. און אזוי ווייטער, אלע סארטן עצות ווי אזוי זיך צו דערהאלטן אין א ירידה[מג].

---

**נפילה כלל, כי אדרבא, אז יעלה ניצוצות יותר ממקומות הרחוקים ביותר** וכנ"ל. **והוא ממש כמו שמשלשלין אחד על ידי חבל לתוך עמקי מצולות ים ותהומות תחתיות כדי שיחפש ויבקש שם אוצרות יקרות ואבנים טובות ונפלאות מאד**, וכל זמן שהוא מקושר בהחבל לא יהיה נאבד לעולם. כמו כן הוא ממש, שכל זמן שמתקשרין עצמו לצדיקי אמת, ומתגעגעין אחריהם ומחפשין אותם על ידי זה מקשרין עצמן לחבל דקדושה, ואזי בכל מקום שיורד לשם יעלה אותו הצדיק משם על ידי החבל דקדשה שמקשר בו. **ולא די שיעלה אותו משם, אך גם הירידה והנפילה תהיה תכלית העליה, כי על ידי נפילתו וירידתו למקומות כאלה, יעלה משם ניצוצות קדושות ויקרות הרבה שלא היה אפשר להעלותם על ידי שום צדיק כי אם על ידו דייקא** וכנ"ל.

**מב.** שיר השירים ג, ד.

**מג.** עיין בספר אוסף מכתבים (חלק ב' מכתב קל"ח) וז"ל מורינו שליט"א: וכן צריך לחפש דרכים איך להתנהג בעת עליה ואיך בעת ירידה, כפי הבחינה המובאת בדבריו הק' (לק"מ סי' ו') להיות בקי ברצוא ובקי בשוב. כי זה אחד מהדברים הכי קשים בעבודת השם, שאין בזה קו ודרך סלולה, כי אין אחד דומה לחברו לא בגופו ולא בנפשו, ומכש"כ לא במה שעובר על כל אחד ואחד לפי שורש נשמתו, וכן ע"פ סוד כל מה שעבר בכל גילגוליו הקודמים, וכן כל אחד ואחד הירידות והעליות עד אין קץ

דער רבי האט זייער אסאך גערעדט פון דעם לימוד, בפרט בדור האחרון הזה, בעיקבתא דמשיחא, וואס די אלע נשמות קומען פון די עקביים – פון דעם עָקב. אדם הראשון איז געווען א גאנצער קומה; די פריערדיגע דורות זענען געווען בחינת 'ראשו של אדם הראשון', בחינת 'ידיו' - פון העכערע פלעצער, אבער היינט בעיקבתא דמשיחא איז פארהאן א כלל, עס איז אזוי ווי שמרים - ביים סוף איז דא זייער אסאך שמרים.

דערפאר, אויף די אלע נשמות פון 'היינט' גייט איבער זייער אסאך עליות מיט ירידות מיט אסאך פסולת, **און דער רבי האט אנגעגרייט דיבורים ממש פאר די אלע היינטיגע נשמות!**

זאגט דער רבי:

"כִּי הַיְרִידָה הִיא תַּכְלִית הָעֲלִיָּה".

פונעם אויבערשטן נישט אוועקגיין.

### "לֵית רְעוּתָא טָבָא דְּיִתְאֲבִיד!"

דער זוהר הקדוש זאגט[מד]: **"לֵית רְעוּתָא טָבָא דְּיִתְאֲבִיד!"** - קיין איין גוטע זאך ווערט נישט נאבד!

א גוטע בענק וואס א איד טוט פארן אויבערשטן - עס ווערט נישט נאבד!

---

השייכות רק לו במידה שמדדו לו מלמעלה.
וצריכים להתייגע הרבה בעבודה ולהכניס כל הכשרונות בזה כדי למצוא הדרך הנכונה לפי שורש נשמתו שלו. ויתכן שהעצה לזה הוא להרבות באמירת תהילים ע"פ דרך רבינו הק', היינו למצוא את מה שעובר עליו בתוך הביטויים הקדושים של דוד המלך ע"ה, שאמרם ברוה"ק בשם כל אחד ואחד מישראל עד סוף כל הדורות. כי כתב שם שע"י אמירת תהלים זוכים להכנס להשער של תשובה השייך לו ולאות מהשבט השייך לו, ע"ש.

**מד.** תרומה דף קנ ע"ב.

די גמרא זאגט[מה], אויב א מענטש איז '**מקדש את האשה על מנת שהוא צדיק גמור**', איז זי '**ספק**[מו] **מקודשת**' - אפילו ער איז געווען א רשע ביז דעמאלט און ווייטער; פארוואס איז זי מקודשת? ווייל 'שמא הרהר בתשובה'; וואס האט ער געקענט טון? נאר אפשר בשעת די קידושין האט ער געגעבן א גוטן בענק פאר השם יתברך, איז למעלה האט מען אים דַן געווען ערשט פאר א צדיק, ווייל קיין איין בענק גייט נישט לאיבוד, איז די קידושין חַל, ווייל ער האט ארויסגעכאפט א רגע וואס אין דער רגע איז ער געווען א צדיק. קומט אויס, סוף כל סוף ווערט קיין איין זאך נישט פארלוירן.

(זאגט ווייטער דער רבי:) "און עס וועט נתהפך ווערן די אלע ירידות צו עליות גדולות. כי הירידה תכלית העליה".

## יא, מען מיינט מיד אויך!

**"וְיֵשׁ בָּזֶה הַרְבֵּה לְדַבֵּר כִּי כָּל אֶחָד שֶׁנָּפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל נִדְמֶה לוֹ שֶׁעָלָיו אֵינָם נֶאֱמָרִים דְּבָרִים הָאֵלֶּה"**

עס איז דא מענטשן - אזוי ווי דער רבי רעדט אויס - דער רבי ווייסט גאנץ גוט אז נאך די אלע דיבורים פון התחזקות קומט דער בעל דבר און זאגט - 'ניין ניין, צו דיר רעדט נישט דער רבי! צו דיר רעדט נישט דער רבי!'

**"כִּי נִדְמֶה לוֹ שֶׁעָלָיו אֵינָם נֶאֱמָרִים רַק לִגְדוֹלִים בְּמַעֲלָה הָעוֹלִים בְּכָל פַּעַם מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא".**

- נאר פאר די גרויסע מענטשן, וואס אז זיי האבן א ירידה - זיי דארפן זיך דערהאלטן.

**"אֲבָל בֶּאֱמֶת תֵּדַע וְתַאֲמִין, כִּי כָּל דְּבָרִים אֵלּוּ נֶאֱמָרִים גַּם עַל הַקָּטָן שֶׁבַּקְּטַנִּים וְהַגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים"**

---

**מה.** קידושין מט ע"ב.

**מו.** שו"ע אה"ע סי' ל"ח סעי' ל"א.

(אויף יעדן איינעם) גייט די אלע דיבורים - אז דער אויבערשטער וויל יעדן איינעם, און דער אויבערשטער האט נחת רוח פון יעדן איינעם, און דער אויבערשטער וויל יעדן איינעם מקרב זיין - יעדער איינער ממקום שהוא, און אפילו ער איז 'בדיוטא התחתונה' קען ער צוקומען צו די העכסטע מדריגה.

**"כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ טוֹב לַכֹּל תָּמִיד"**

- ער איז גוט פאר אלעמען כסדר.

# מזלא טבא וגדיא יאה

לכבוד אנשי שלומינו החשובים, העוסקים בתורה בעבודה
ובגמילות חסדים, שהשתתפו בעין טובה וברוח נדיבה
ה"ה

מוה"ר **שלמה בנימין**
**זילביגער** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

הרב **ישראל משה**
**לעפללער** שליט"א
לרגל נישואי בתו שתחי' למז"ט

הרב **חנני' יו"ט ליפא**
**פויגל** שליט"א
לרגל נישואי בתו שתחי' למז"ט

הרב **חיים משה האס** שליט"א
לרגל אירוסי בנו הבה"ח נ"י למז"ט

מוה"ר **מענדל אדלער** הי"ו
לרגל אירוסי בתו שתחי' למז"ט

מוה"ר **ארי' לייב**
**גאלדשטיין** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **מאיר יחיאל**
**פערלשטיין** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **בעריש סאנדער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **יצחק ענגל** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **דוד**
**געשטעטנער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ויה"ר שמשמחות אלו יושפעו לנו ולכל ישראל כל השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות, אך טוב וחסד ירדפנו כל ימי חיינו, בביאת משיח צדקינו בב"א

# ויו"ם טו"ב היה עושה

ברכת מזלא טבא וגדיא יאה לכבוד האי גברא רבא
ויקירא, מחשובי אבריכי אנשי שלומינו, עוסק
בתורה עבודה ויראה טהורה יומם ולילה, העוסק
ללא ליאות לפרסם ולהפיץ על פני תבל ומלואו תורת
רבינו ז"ל ותלמידו הגדול מהרנ"ת ז"ל בלשונו היקר
וקולמוסו הזהב

ה"ה

## הרב שמעון יו"ט הלוי
## יאזשעף שליט"א

מיקירי קרתא דשופריא

חבר במכון 'טעם זקנים' ובמכון 'דורשי יחודך'

### לרגל שהשמחה במעונו
### בהולדת בתו למז"ט

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שמשמחה זו ישפע
לו רב טוב, ויזכה עוד שנים רבות להרבות תורה
וטהרה בכלל ישראל, ולפאר ולרומם שם ה' ושם
רביז"ל בכל העולם כולו, בבריות
גופא ונהורא מעליא, עדי נזכה לקבל
פני משיח צדקינו באנפין נהירין
ובחדווא עילאה בב"א

# חזק ואחוז עצמך

מען האט א חידוש נפלא – א "ליקוטי תפלות" וואס איז ממש פאר יעדן מענטשן, ממש ממש! קיינער קען נישט זאגן אז עס איז נישט פאר אים!

דאס איז א זאך הנאמר ברוח הקודש; אזעלכע סארטן מעברים וואס גייט איבער אויף יעדן מענטשן, און א גרויסער מענטש זאל ארויסרעדן וואס טוט זיך אין יעדן איד'ס הארץ! רוח הקודש ממש!

**ווער זאגט ליקוטי תפילות און זאגט עס האט אים נישט געווידקט?! נישטא אזא מענטש אויף דער וועלט!**

נאר מניעות, פארשידענע מניעות אויף יעדער דבר שבקדושה!

(שיחות קודש אצל סיום ספה"ק ליקוטי מוהר"ן חשון תשפ"ג לפ"ק)